# Zisho Landoy

(1889–1937)



ALSO: *Zishe Landau,*
*but the poet signed his name as above,*
*in the Yiddish dialect of central Poland*

BORN IN PLOTSK (PLOCK), POLAND. His father was a descendant of a distinguished Hasidic dynasty and of a well-known religious author. He studied in heder and with private tutors; also studied Polish and secular culture as well as modern Hebrew. His Hebrew teacher implanted in him a love for Heine's German poetry. His mother died in his childhood; at fifteen he went to work for relatives in Vilna and emigrated with them to America in 1906, where he published his first Yiddish poems. Landoy was one of the leading poets of the Young Generation; he declared: "With us begins the Yiddish poetry of the pure art poem." In 1919 he published *Antologye* (*Anthology: Yiddish Poetry in America until 1919*), with a programmatic introduction. In his poetry, he drew on the Yiddish folk song and Heine's ironic lyricism, as well as on German and Russian neo-Romantic poetry and the decadent mood at the beginning of the twentieth century; he expressed the individual's alienation, boredom, and cynicism in New York's atmosphere. He also wrote verse comedies, literary essays, and journalism and translated poetry from many languages into Yiddish. For many years, Landoy worked as the publicity director of the Federation of Jewish Philanthropies. After his early death, the only volume of Landoy's poetry was published in New York, as well as a volume of translations, *From World Poetry*.



זישע לאַנדוי :

פינף לידער.

ווערטער, ווערטער, ווערטער, דעקלאַמאַציע.

משה ווארשע.

## עפילאָג

ווייל ס'האָט אַזוי געמיין פֿאַרשוויגן מיך די פּרעסע,
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרייַבט זי קיין מאָל ניט —
דערפֿאַר קען איך ביז איצט ניט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער פֿאַלן נעמט אַלץ מייַן קרעדיט.

און וואָס אַ טאָג נעם איך אין חובֿות טיפֿער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטן שפּרייט איך אויס די הענט: —
אַ גליק, וואָס כ'קען „מאַרטעלס" דערלויבן זיך צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט אין גאַנצן פֿינעף סענט.

וואָלט קאַווע טייַער זייַן — וואָלט איך זיך אויפֿגעהאַנגען.
און ריכטער גלייַך צו מיר איז גאָר נישטאָ קיין סך!
דאָך ווי דער פּרייַז שטייט איצט — מיט הערלעכע געזאַנגען
קען איך מיר גליקלעך מאַכן אונזער פֿאָלק און שפּראַך.

## Epilogue

Because the papers meanly ignore me—
they think my luncheon menus not fit to print—
small wonder girls don't give me a tumble
and day by day my stock goes down.

And every day my debts get higher.
Vainly my ten fingers stretch out for patrons.
It's lucky Martel's isn't beyond my reach
and coffee—black—is still a nickel.

If coffee goes up, I'll go and hang myself,
and how many poets are as classy as me?
But while the coffee's cheap, my marvelous songs
will bring happiness to our people and our tongue.

*Irving Feldman*

## איך, דאָס פֿאָלק און די קעלנערינס

ווען איך זאָל זיין איצט יונג און רייך, אין רעסטאָראַנען
וואָלט איך מיר גאַנצע טעג און נעכט אַרומגעגאַנגען,
און וואו א שיינע קעלנערין איז נאָר פֿאַראַנען,
אויף אייביק ליבן וואָלט איך ליך זי אָנגעפאנגען.

און וואָלט איר געטער־בליק אויף מיר מיט ליבע שיינען,
ווי דאַנטע וואָלט איך מיר טערצינען דאָן געשריבן,
און וואָלט זיך ווען דער קעלנערין פארגלוסט צו וויינען —
מיין פֿאָלק! — דיר וואָלט דאָך אַ סאָנעטן־קראַנץ פֿאַרבליבן.

אין אונזער שפּראַך סאָנעטן־קרענץ, טערצינען,
אַ, ס'אַראַ שרעקלעכן פֿוראָר זיי וואָלטן מאכן,
ווי וועלן זיך דאָס איבערזעצער נישט געפינען ? —
מיט דיר, מיין פֿאָלק, און מיר, קלינגט באַלד אין אַלע שפּראַכן.

נאָר איך בין מער ניט יונג, און געלט איז ניט פֿאַראַנען,
וואו קלינגערס צו דערטאַפּן מוז איך אייביק טראַכטן —
אומזיסט — אומגעשט די קעלנערינס די שיינע וויאַנען,
אין איך און ס'ביזנע פֿאָלק מיינס מוזן נעבעך שמאַכטן!



I, the People and the Waitresses

Were I now young and rich, in restaurants
I would spend day and night, in an endeavor
To find pretty waitresses in those haunts --
I would at once start loving them forever.

And if her goddess-gaze would shine on me with love,
Like Dante, I would write terzinas, up and down,
And if the waitress ever wished to coo like a dove,
My people! -- I would leave you a sonnet crown.

In our tongue -- sonnet crowns, terzinas,
Oh, what a terrible furor they would make!
Would there not be a translator (who our kin is)?
And you, my people, and I, in fame would wake!

But I'm no longer young and money's always a pain,
I must get some dough in my pockets to ring --
The beautiful waitresses wither in vain,
And I and my poor people are languishing.

## 6

ס׳זינקט אַ האַלבע וועלט אין טרערן!
באַלעבאַטים — ווי אוןווינד! —
שמאַכטן טוגנטהאַפט צו ווערן,
טריי צו גאָט זיין, ווייב און קינד.

און להכעיס איך נאָר איינער
לעב אַ לעבן מיר אָן זאָרג, —
ווילט זיך, צייל איך מיר די שטיינער
אין די גאַסן פון ניו יאָרק.

**Verses**

Half a world sinks in tears!
The bourgeois -- what a strife! --
Dying to be virtuous, it appears,
Faithful to God, children and wife.

And to spite them, I alone
Live as careless as I choose --
If I wish, I count each stone
On New York streets and avenues.

## 3

### דינסטיק

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר אויסגעטרונקען,
אַ דריי־פיר צוויבאַק אויסגעגעסן;
דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט ביים טיש געזעסן,
גערויכערט און געקוקט מיר אויף אַ נאָגל אין דער וואַנט,
פיר לידער איבערזעצט פון דייטש,
אַ מידער אויף דער סאָפע זיך אַוועקגעלייגט,
אַרום דעם קאָפּ די הענט פאַרלייגט
און דריי מאָל צו דעם באַלקן אויסגעשפּיגן.
מיר איז געוואָרן שווער,
פאַרוואָס דער זומער איז פאַרגאַנגען,
איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירן מיר אין פּאַרק געגאַנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגן.
און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקן דריי מאָל אויסגעשפּיגן,
און אַלע דריי מאָל ניט געטראָפן,
דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפן.

60

**Tuesday**

Two glasses of hot tea with milk I swallowed,
I gnawed three or four rusks;
Afterward I sat at the table a long time,
Smoked, observed a nail in the wall,
Translated four poems from German,
Lay weary on the couch,
Put my hands behind my head,
And spat three times at the ceiling.
My heart grew heavy
For summer is past.
I would have strolled alone in the park,
Or caught flies at home.
Again I spat three times at the ceiling,
And all three times I missed,
Afterward I dozed off.

## 2

### אויגוסט 28, 1915

נעכטן, שבת אָונט, אויגוסט אַכט און צוואַנציק,
ניינצן הונדערט פופצן, ווען איך בין
געזעסן און פאַריכט די קאָרעקטורן מיינע,
איז פּלוצים טרויעריק געוואָרן מיר.
כ׳האָב אויפן טיש דערזען אַ בריוו פון אַ באַקאַנטן,
פון אַכטן יולי, וואו ער שרייבט צו מיר
פון זומער־וואוינונג זיינעם, מידלטאַון, ניו יאָרק:
״איך דאַנק דיר פאר די ווערטער דיינע, וואָס
האָסט צוגעשיקט. שרייב אָפטער מיר, דיין יעדער בריוו
וואָס קומט נאָר אָן דערפרייט מיך,
כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט.״

**August 28, 1915**

Yesterday, Saturday night, August twenty-eighth,
Nineteen hundred fifteen, when I sat
Correcting my galley proofs,
Suddenly, I grew sad.
On my desk I saw a letter from a friend,
Of July eighth, where he writes to me
From his summer house in Middletown, New York:
"Thank you for the few words
You sent me, write me more often, your every letter
Gives me joy,
Though you write so badly and cold."

א פאָר מאָל האָב איך אלץ די ווערטער דורכגעלעזן:
„כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט“.
און ס'איז אומהיימלעך מיר געוואָרן.
און מיך, וואָס קיינמאָל אַרט ניט, וואָס מען זאָל ניט זאָגן
פון מיינע לידער צי גאָר וועגן מיר,
פאַרוואָס בין איך אַזוי עמפּינדלעך
צו אַלץ וואָס מען זאָל נים זאָגן פון מיינע בריוו?

I read his words several times over:

"Though you write so badly and cold,"

And I felt uncanny.

I, who never care what people say

About my poems or even about myself,

Why am I so touchy

About everything they say about my letters?

4

## מיינע זעליקייטן

דערווידער ווינען מיר די יונגע מיידלעך,
די זעכצן, אכצניאַריקע;
די טאַנצנדיקע, שפּרינגענדיקע,
די מיט אויגן ברענענדיקע,
ווי לאָמפּן פון די מאָטאָר־ציקלען,
מיט העמדעלעך מיט ראָז און בלויע בענדלעך
און הייזעלעך מיט שפּיצן.

אפילו אינגלעך אַרן אונז שוין ניט.
וואָס עס רייצט נאָר אונז,
אויסער:
שמועסן אין אָוונט
אין וואַרימען צימער ביים טיי,
דערמאָנען די אַלע, וואָס זיינען
ניטאָ שוין מיט אונז,
קוקן אַלטע פּאָרטרעטן,
לאַנגזאַם בלעטערן קלאַסיקער —

איז:
ווייבער,
אַרום און איבער דרייסיק
מיט פאַרגאַנגנהייטן,
ווייסן, וואָס הייסט שלאָפן מיט אַ מאַן,
זיינען געווען אין באַוועגונג,
הייבן אָן צו ווערן דיק;
האָבן צרות פון קאָרסעטן,
צווייפלען
אין פאַרהיטונגס־מיטלען
(פאַלט מען דאָך אַמאָל אַריין),
האָבן עפּעס גוטע, טוגנטהאַפטע מענער,

האָבן קינדער,
זוניקע, לופטיקע צימערן,
עסן בלויז נאַטוראַפּטעע שפּייזן,
לעזן קלוגע ביכער
און לאַנגווייליקן זיך.

## PLEASURES OF THE SOUL

I'm not attracted to girls any more,
sixteen, eighteen, you know, teenagers,
dancing about, always on the go,
with eyes glowing at you
like motorcycle headlights,
wearing dainty little blouses
with the pink and blue ribbons of childhood,
and shorts with ruffled edges.

I don't even care for boys any more.

What gives me pleasure now
is:
Conversation in the evening
in a comfortable room, drinking hot tea,
talking over old times
and friends who are gone,
looking through photograph albums,
reading here and there in the classics;

and best:
women in their thirties or older
who have been through the mill
and know how to make love with a man.
They used to be active in the movement
but now begin to get heavy
and start squeezing themselves into corsets.
They don't always remember
to take precautions
and get caught sometimes
but their men know how to get it taken care of.

They have children,
set up nice, sunny apartments,
eat health foods,
read highbrow books,
and are bored.

## הײַנט אָוונט

אָוונט אינעם הויז.
דו זיצסט אין הויז און קוקסט אַרויס
פֿון פֿענצטער דיר אַרויס.
דאָס ווײַב זיצט אויף אַ שטול און העפֿט
און אפֿשר נייט.
איך קוק מיך אום און זע: זי זיצט זיך גלאַט אַזוי
און ניט זי העפֿט, און ניט זי נייט.
נאָר האַלטנדיק נאָכלעסיק אין דער האַנט
די נאָדל, שער, צי דאָס געוואַנט,
פֿאַרטראַכט זי זיך ווי טאָג נאָך טאָג
אין דאגות נאָר פֿאַרגייען.
מען רעדט זיך דורך: אָט פֿעלט וואָס אויס
און קיין מאָל קענסטו ניט אַרויס
פֿון אָנגעצייכנטן און לאַנגווײַליקן קרײַז.
און יעדער טאָג, וואָס גייט אַוועק, איז דאָך אַ שאָד,
ער וועט צוריק שוין מער ניט קומען.
און גלײַך ווי דער, וועט דאָך דער צווייטער אויך פֿאַרגיין,
און דאָס, אויף וואָס דו האָסט געהאָפֿט, געוואַרט,

האָט אָפּגענאַרט.
און טראַכטנדיק אַזוי,
מיט האָפֿענונג הייבט זי אויף איר בליק צו דיר.
גראָד האָסטו אָפּגעקערט פֿון פֿענצטער זיך
און קוקסט אויף איר,
און מיט אַ מאָל ווערט אַלץ דיר קלאָר.
דו הייבסט זיך אויף,
גייסט צו צום ווײַב, דײַן טרײַען ווײַב,
לייגסט אויף איר אַקסל לײַכט איין האַנט אַרויף
און מיט דער צווייטער גלעטסטו איר די האָר
און זאָגן ווילסטו איר אַזוי פֿיל גוטע רייד,
דאָך זאָגסטו ניט קיין איינציק וואָרט.
נאָר גייסט צוריק דיר אויף דײַן אָרט
און קוקסט פֿון פֿענצטער ווידער דיר אַרויס.
די נאַכט איז טיף, די שטערן זענען גרויס
און רויק שפּרייט דײַן האַרץ זיך אויס.

## *This Evening*

Evening in the house
where you sit and look out
the window,
and in her chair your wife is knitting
or maybe sewing.
You turn around—and she is sitting there
doing nothing,
the needle, scissors, cloth
are lying idle in her hands,
and she is lost in thought over the days and days
that creep by in worries.
Here, we say, everything is always missing
and the daily grind is inescapable.
And every day that's gone is gone for good,
it won't come back again.
And just as this one has, the next too will pass,
and what was hoped for, waited for,
will also have gone past.

These are the things she is thinking,
when she looks up hopefully at you—
who have just now turned from the window
to look at her.
Everything suddenly is clear.
You get up
and go over to your wife, your faithful wife,
and touch her shoulder lightly
and stroke her hair,
and want to say so many sweet things to her,
and say not a single word.
You go back to your chair
and look out the window.
The night is deep, the stars are big,
and quietly your heart opens.

*Irving Feldman*

**Of Course I Know --**

## אודאי ווייס איך —

אודאי ווייס איך, היינט איז זונטיק
און מאָרגן וועט שוין מאָנטיק זיין.
און נאָכן פרילינג קומט דער זומער.
און אונזער אָרדנונג איז א שלעכטע.
און אין ניו יאָרק וואוינט אָפּאָטאָשו.
דער שטאָלץ פון פראנקרייך איז זשאָרעס.

איך ווייס אויך פילע סודות טיפע:
דער הערצאָג פון אברוצי איז
קיין הערצאָג ניט. ר'איז אונזער גלייכן,
און גייט זיך אָפּט אין גאַס שפּאַצירן
אין שיינע טעג, דער מאַנטל אויף דער האַנט.

Of course I know today is Sunday
And tomorrow will already be Monday
And after spring comes summer
And our system is bad
And in New York lives Opatoshu
And the pride of France is Jaurès.

I also know many deep secrets:
The count of Abruzzi is
No count. He is like all the rest of us
And strolls in the street
On beautiful days: coat slung over his arm.

איך ווייס אויך: דארווין האט געטראפן,
קאפערניק איז געווען גערעכט.
דאך בעסער פון דעם אלעס ווייס איך:
איך
בין
א פארלארענער אויף אייביק.

I also know: Darwin guessed correctly,

And Copernicus was right,

But better than all that I know:

I

Am

Forever lost.

**And Discussing in the Café...**

## און דיסקוטירנדיק ביים טיש ...

און דיסקוטירנדיק אין דער קאפע ביים טיש
די ראָלע, וואָס עס שפּילן אינם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סאַבמאַרינען און די לאַגע פונם טערק,
און ס'אַראַ ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דער דיסקוסיע דערפילט
ווי ס'קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגן דיינע.
כ'האָב אומגעדרייט צו דיר מיין קאָפּ און כ'האָב דערזען
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן!
און קלאָר געוואָרן איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס'פליִען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס'שווימען טיף די סאַבמאַרינען,
אַז ס'זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף־כּל־סוף וועט עפּעס ווערן מיטן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען, —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונדז?

אַ ווינקל פון דיין מויל אָן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפילט דאָס זעלביקע וואָס איך?

123

And discussing in the café at a table

The role played in the war by airplanes,

Tanks, submarines, and the situation of the Turks,

And what changes will have to be made in the Balkans,

In the heat of the discussion I felt

How your eyes look at me mild and soft.

I turned my head to you and saw

In them a gleam I will never forget!

And suddenly it was clear to me

That airplanes fly high

And submarines swim deep,

That tanks are effective as everything England does,

That in the end something will happen to the Turks,

That there will be changes in the Balkans --

But what will be with me,

With me and you --

With us?

A corner of your mouth twitched constantly,

Did you feel the same as me?

## אין קינעמאַטאָגראַף

„ווי אייביק נאַריש זיינען דאָס די פרויען"
— ר. אייזלאַנד.

די בילדער לויפן שנעל איינס נאָכן צווייטן.
ס'איז שווער צו אָריענטירן זיך, באַזונדערס, ווען דיין שכנה
האָט לאַנגע, דינע פינגער און האָט פיסלעך קליינע,
און רואיק וויל ניט שטיין איין פיסל ביי דעם צווייטן.

דו האַלטסט זי יאָ און האַלטסט זי ניט אַרומגענומען.
מינוטן לויפן וואונדערלעכע, זיסע.
— „מיר ווילט זיך זיין אַ קינעמאַטאָגראַף־אַקטריסע".
דיין האַנט האָט פעסטער זי אַרומגענומען.

זי הייבט אַ בליק אַרויף פול מיט פרוילעכן פאַרטרויען
און ס'ווערן נאָכגיביק אַזוי די רונדע גלידער
און אויף דיין פּנים פאַלן אירע האָר אַנידער.
דו מורמלסט שטיל אַ שורה פון דיין חברס לידער:
ווי אייביק נאַריש זיינען דאָס די פרויען.

## AT THE SILENT MOVIES

"HOW ENDLESSLY FOOLISH WOMEN ARE."
REUBEN ICELAND

The pictures flicker on the screen.
They're hard to follow once you've seen
the girl with long hands and little feet
fidgeting for attention in the next seat.

You sneak an arm behind her chair:
Blissfully the minutes fly.
"I'd like to be a movie star."
You risk a hug, she doesn't mind.

Her body yielding as you squeeze,
she gazes softly in your eyes,
and on your face you feel her hair.
You whisper a line from a friend's poem,
How endlessly foolish women are.

# With Zishe Landau

by Reuben Iceland

Translated by Gerald Marcus

## First Meeting

I don't remember what year I met Zishe Landau. It is also unclear to me whether it was late in autumn or early in spring. But I well remember that it was in the evening on Canal Street in front of the old Drukerman's bookstore, that the evening was cold, misty and muddy, and that I wore a heavy winter coat. All the passersby wore heavy winter coats, and everyone in the little group of young writers who stood in front of the bookstore, waiting for a new periodical that was supposed to have been brought from the printers, wore heavy coats. But the thin, blond boy with the big blue eyes, who was introduced to me as Zishe Landau, wore a light, narrow, leather-colored summer topcoat buttoned tightly over a pointy belly.

For those who knew the later broad and hefty Landau, it might be hard to imagine that in his nineteenth or twentieth year he was a thin, almost sickly boy, just as they might be unable to imagine that Landau used to go dressed as a dandy, in tight clothes, a stiff collar and a derby. In this last respect, though, he was not an "only child." All of us in those years had notched rings on our foreheads from the hard round hats we wore.

[...]

Like a lot of beginners who have not yet found their own voice, I sang, perhaps without realizing it, with an alien voice, and used poetic expressions that others before me had coined. Like a lot of beginners, I did not yet know that even the most powerful experiences and the deepest feelings do not in themselves make a good poem. Only later, when one becomes richer artistically, one discovers – often through great pain – the secret: that much more than *impressions*, experience, and sensitivity, one has to have *expression*. The best words in the best order, as Coleridge required. This means tone, rhythm, and form, valid only for a given poem and not for any other.

Between Landau and me, it was not "love at first sight." We immediately began to speak the truth, and the truth hurts, especially when one is young. Landau was five years younger than I. In my eyes, I was the younger, with all the possibilities and hopes that shine upon the youngest, but also with all the pain and self-doubt that hurl you from one abyss to another. To be young means to be hopeful, because if a young poet has not achieved everything he dreams of today, he will certainly achieve it tomorrow, next year, or even years later. What difference does it make? To be young, though, also means to be morbidly sensitive, and I was oversensitive. At that time, the smallest blow to one's honor struck like a stone. The slightest unkind word pierced like a dart and wounded deeply. And at our first meeting, Landau said a lot of unkind things to me. And I, for my part, did not spare him. And perhaps what I said also met its mark. But in retrospect Landau was the more skillful, and he always remained so. To speak that way, like a knife between the ribs – none of us could do it.

That night I tossed and turned. I felt so deeply hurt from my first meeting with Landau that I could not sleep. I spent all of the next day standing at work, empty inside, and when I got home I could not eat a bite. Until then, I had written all my unpublished poems painstakingly in a clean notebook and pasted the published poems in a second one. A few days after my meeting with Landau, I took the notebook with the published poems and the notebook in which I had entered the unpublished ones, tore them in half and threw them into a burning oven. That was not the first and not the last time that I tore up my things, and it was always curative.

## H. Leivick (1888-1913-1962)

➤ ערגעץ ווײַט

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע,
זילבעריק בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף
אין דער ערד אײַנגעקנאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע.

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
ליגט אַליין אַ געפאַנגענער,
אויף זײַן קאָפ שטאַרבט די שײַן
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם.

➤ *Somewhere Far Away*

Somewhere far, somewhere far away
Lies the land, the forbidden land,
Silvery blue the mountains
Never trod by man;
Somewhere deep, somewhere deep inside,
Kneaded into the earth,
Treasures are waiting for us,
Treasures covered with dirt.

Somewhere far, somewhere far away
Lies a prisoner, lies alone,
On his head, the glow is dying,
The glow of the setting sun;
Deeply covered in snow
Somewhere wanders a man,
He cannot find a road
To the land, the forbidden land.

Benjamin & Barbara Harshav

1962), about his exile in Siberia for political activities; music by Lazar Weiner (1897-1982). Published in sheet music by the Jibneh Verlag, Vienna, 1936. The song was popular in Europe and the United States.

Ergets vayt, ergets vayt
Ligt dos land, dos farbotene,
Zilb'rik bloen di berg
Nokh fun keynem batrotene;
Ergets tif, ergets tif
In der erd ayngeknotene,
Vartn oytsres oyf undz,
Vartn oytsres farshotene.

Ergets vayt, ergets vayt
Ligt aleyn a gefangener,
Oyf zayn kop shtarbt di shayn
Fun der zun der fargangener;
Ergets voglt ver um
Tif in shney a farshotener,
Un gefint nit keyn veg
Tsu dem land dem farbotenem.



# מיט זישע לאַנדוין

ראובֿן אײַזלאַנד

## ערשטע באַגעגעניש

איך געדענק שוין נישט דאָס יאָר, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט זישע לאַנדוי. מיר איז אויך מער ניט קלאָר, צי דאָס איז געווען שפּעט אין האַרבסט אָדער פֿרי אין פֿרילינג. איך געדענק אָבער גענוי, אַז עס איז געווען אַן אָוונט אויף קאַנאַל־סטריט, פֿאַר דעם אַמאָליקן דרוקערמאַנס ספֿרים־געשעפֿט, אַז דער אָוונט איז געווען קאַלט, נעפּלדיק און בלאָטיק, און איך האָב געטראָגן אַ שווערן ווינטער־מאַנטל. אַלע פֿאַרבײַגייער האָבן געטראָגן שווערע ווינטער־מאַנטלען און אַלע פֿון דער קליינער גרופּע יונגע שרײַבער, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דעם ספֿרים־געשעפֿט און געוואַרט אויף עפּעס אַ נײַער צײַטשריפֿט, וואָס מען האָט געדאַרפֿט ברענגען פֿון דרוק, האָבן געטראָגן שווערע מאַנטלען, נאָר דאָס דינע, בלאָנדע בחורל מיט די גרויסע בלויע אויגן, וואָס מען האָט מיר פֿאָרגעשטעלט אַלס זישע לאַנדוי, האָט געטראָגן אַ לײַכט, שמאָל, זומערדיק איבערצי֞ערל פֿון לעדער־קאָליר, וואָס האָט זיך ענג פֿאַרקנעפּלט איבער אַ שפּיציק בײַכל.

פֿאַר די וואָס האָבן געקענט דעם שפּעטערדיקן ברייטן און שווערלײַביקן לאַנדוי וועט זײַן שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אויף זײַן נײַנצנטן צי צוואַנציקסטן יאָר איז ער געווען אַ דין, כּמעט שמעכטיק ייִנגל, פּונקט ווי זיי קאָנען זיך מסתּמא ניט פֿאָרשטעלן, אַז לאַנדוי פֿלעגט גיין אָנגעטאָן ווי אַ דענדי אין ענג געפּאַסטע קליידער, אַ האַרטן שטייענדיקן קראַגן און דוירבי. מיטן לעצטן איז ער אָבער ניט געווען קיין בן־יחיד. אַלע האָבן מיר אין יענע יאָרן געהאַט אײַנגעקאַרבטע רייפֿן אויף די שטערנס פֿון די האַרטע קײַלעכדיקע קאַפּעליושן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געטראָגן.

[...]

ווי אַ סך אָנהייבער, וואָס דערקענען נאָך ניט זייער אייגן קול, האָב איך, אפֿשר ניט־וויסנדיק, געזונגען מיט אַ פֿרעמד קול, באַנוצט זיך מיט פּאָעטישע אויסדרוקן וואָס אַנדערע פֿאַר מיר האָבן אויסגעמינצט. ווי אַ סך אָנהייבער האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוווּסט, אַז די שטאַרקסטע איבערלעבונגען און טיפֿסטע עמפּפֿינדונגען מאַכן נאָך אַלץ ניט קיין גוט ליד. ערשט שפּעטער, ווען מען ווערט קינסטלעריש רײַכער, דערגייט מען — און אָפֿט מאָל דורך גרויס פּײַן — דעם סוד, אַז אַ סך מער ווי א ײַ נ ד ר ו ק, איבערלעבונג און עמפּפֿינדונג דאַרף מען האָבן א ו י ס ד ר ו ק. דאָס פּאַסיקסטע וואָרט אויף דעם פּאַסיקסטן אָרט האָט נאָך קאָלרידזש געפֿאָדערט. וואָס דאָס מיינט שוין ממילא טאָן, ריטעם און פֿאָרם, גילטיק בלויז פֿאַר דעם געגעבענעם ליד און ניט פֿאַר קיין אַנדערן.

צווישן מיר און זישע לאַנדוי איז עס ניט געווען קיין „ליבע פֿון ערשטן אויגנבליק”. מיר האָבן זיך גלײַך אָנגעהויבן זאָגן אמתן, און דער אמת טוט וויי, בפֿרט נאָך ווען מען איז יונג. לאַנדוי איז געווען מיט אַ פֿינף יאָר ייִנגער פֿון מיר. אין מײַנע אויגן בין איך געווען דער ייִנגסטער, מיט אַלע מעגלעכקייטן און האָפֿענונגען וואָס שטראַלן אַקעגן דעם ייִנגסטן, אָבער אויך מיט אַלע פּײַנען און ספֿקותן אין זיך, וואָס שלײַדערן פֿון איין תּהום אין אַנדערן אַרײַן. יונג זײַן מיינט האָפֿערדיק זײַן, ווײַל אויב נאָך ניט הײַנט דערגרייכט אַלץ פֿון וואָס דער יונגער פּאָעט חלומט וועט ער דאָך דאָס זיכער דערגרייכן מאָרגן, איבער אַ יאָר און אַפֿילו ערשט אין יאָרן אַרום. וואָס מאַכט עס אויס? יונג זײַן מיינט אָבער אויך קרענקלעך עמפּפֿינדלעך זײַן און איך בין געווען איבערעמפּפֿינדלעך. דער קלענסטער פּגיעת־כּבֿוד האָט אין יענע צײַטן געטראָפֿן ווי אַ שטיין. דאָס מינדסטע בייזע וואָרט האָט געשטאָכן ווי אַ שפּיז און טיף פֿאַרוווּנדעט. און בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט מיר לאַנדוי געזאָגט אַ סך בייזע און שטעכיקע ווערטער. איך אים האָב אויך ניט געזשאַלעוועט. און מסתּמא האָבן מײַנע רייד אויך געטראָפֿן וווּהין זיי האָבן געצילט. לאַנדוי איז אָבער אין דער הינזיכט געווען דער געשיקטערער, און דאָס איז ער שטענדיק געבליבן. אַזוי אַרײַנזאָגן, אַז עס זאָל טרעפֿן אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַן, האָט צווישן אונדז קיינער ניט געקאָנט.

יענע נאַכט האָב איך, ווי מען זאָגט אין אונדזערע מקומות, געקאָפּעט דאָס לײַלעך. אַזוי שטאַרק פֿאַרוווּנדעט האָב איך זיך געפֿילט פֿון מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט לאַנדוין, אַז איך האָב יענע נאַכט אַן אויג ניט געקאָנט צוטאָן. אויף מאָרגן בין איך דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען בײַ דער אַרבעט אַן אויסגעהוילטער און אַז איך בין אַהיימגעקומען האָב איך קיין ביסן ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן. ביז

That particular trait of telling the truth, especially about poetry and in such a sharp and biting way that it would go deep into the bones, Landau kept his whole life. The closer someone was to him, the more Landau permitted himself this openness. Very often it was the test of whether a friendship could form between him and another poet. The moment Landau felt that a poet could not hear the truth about himself or his verse, he became a stranger. He could still meet with him often, play cards with him, brag about the preserves he made or what a connoisseur of drinks he was, but he no longer talked about poetry with that man.

Landau was not always correct in his judgments. That wouldn't have mattered, because who, after all, is always right? But the worst thing about Landau was that, in his eyes, he could never be wrong. Moreover, he would often redeem a mistake with a second and worse one. This, it seems to me – just like the habit of telling someone the truth right to his face – he inherited from the Chasidic court of the Strikover Rebbe, his grandfather, where he grew up. Children and grandchildren of rebbes became accustomed from childhood on to speaking bluntly. In the households of rebbes, as in all households that live in state and constantly play politics, one is never wrong. It's always the other side that's wrong, the party with which one has an open or hidden quarrel. The quarrels may be for the sake of Heaven, because of one or another nuance in worship. The methods, though, weren't always heavenly. Even a petty intrigue was justified if it was necessary, or when one thought it necessary. Landau's quarrels were always for the sake of Heaven. In essence, even his unfairness – or malice, as his targets called it – did not come from a desire to hurt or wantonly cause pain, but from the fact that, like every poet, he could not always be an objective critic. Hippolyte Taine remarked that every true poet who has his own method must by nature be one-sided and even believe fanatically that only his way is the correct one. Naturally he cannot appreciate the value of another poet, especially when he is going in a different direction.

## Brotherhood

A closer acquaintanceship between Zishe Landau and me began at the meetings of the organization *"Literatur,"* which published the two anthologies also called *Literatur.*

**REUBEN ICELAND** (1884–1955) was one of Yiddish literature's first aesthetes. Born in the Polish shtetl of Radomysl Wielki, he came to America in 1903. While working a day job making caps in a steamy, dimly lit shop, he became a leader of the Yiddish avant-garde and co-founder of the poetic movement Di yunge.



REUBEN ICELAND

In these excerpts from his memoir *In unzer friling* (In Our Springtime), Iceland describes his uncomfortable first meeting with his colleague Zishe Landau and the early days of Di yunge. He presents a striking portrait of these immigrant poets – their youth, their intensity, and their devotion to a poetic ideal that transformed Yiddish verse. Di yunge conceived the electrifying idea of "impoverishing" the language of Yiddish poetry – radically limiting its vocabulary, reducing it to its essence. Stripped of High German loan-words, "kugl melitses" (excessively sweet locutions), and political aims, Yiddish poems could respond with simplicity and immediacy to the poets' experiences and emotions.



ZISHE LANDAU



Seated, left to right: Menakhem Boreisho, Abraham Reisen, Moishe Leyb Halpern; standing: A. M. Dillon, H. Leivick, Zishe Landau, Reuben Iceland, Isaac Raboy

דעמאָלט פֿלעגן בײַ מיר אַלע ניט געדרוקטע לידער זײַן זאָרגפֿעלטיק פֿאַרשריבן אין אַ ריינעם העפֿט און די געדרוקטע לידער אײַנגעקלעפּט אין אַ צווייטן. עטלעכע טעג נאָך מײַן באַגעגעניש מיט לאַנדוין האָב איך גענומען דעם העפֿט מיט די געדרוקטע און דעם העפֿט מיט די פֿאַרשריבענע לידער, זיי איבערגעריסן אין מיטן און זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ ברענענדיקן אויוון. דאָס איז געווען ניט צום ערשטן און ניט צום לעצטן מאָל, ווי איך האָב צעריסן מײַנע זאַכן, און שטענדיק איז עס געווען צו רפֿואה.

דער דאָזיקער שטריך צו זאָגן אמתן אָפֿן, באַזונדערס וועגן דיכטונג, און דאָס אַזוי שאַרף און בײַסיק, אַז עס זאָל אַרײַן טיף אין די ביינער, איז לאַנדוין פֿאַרבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן. וואָס נעענטער אַ מענטש איז אים געווען, אַלץ מער האָט זיך לאַנדוי דערלויבט די דאָזיקע אָפֿנקייט. גאַנץ אָפֿט איז עס געווען דער פּרוּווּשטיין צי וועט זיך קאָנען פֿאַרבינדן אַ חבֿרשאַפֿט צווישן אים און אַן אַנדערן דיכטער. אין דער רגע ווען לאַנדוי האָט דערפֿילט, אַז אַ דיכטער קאָן ניט הערן דעם אמת וועגן זיך אָדער זײַן ליד, איז אים יענער געוואָרן אַ פֿרעמדער. ער האָט מיט יענעם זיך נאָך געקאָנט באַגעגענען גאַנץ אָפֿט, שפּילן מיט אים אין קאָרטן, באַרימען זיך פֿאַר אים מיט די אײַנגעמאַכטסן וואָס ער קאָן פּרעגלען אָדער וואָס פֿאַר אַ גוטער קענער און געניסער פֿון געטראַנקען ער איז, אָבער וועגן דיכטונג האָט ער מיט יענעם מענטשן מער ניט גערעדט.

ניט אַלע מאָל איז לאַנדוי געווען גערעכט אין זײַנע אורטיילן. דאָס וואָלט ניט אויסגעמאַכט, ווײַל ווער איז דען שטענדיק גערעכט? דאָס ערגסטע בײַ לאַנדוין איז אָבער געווען, וואָס אין זײַנע אויגן האָט ער קיין מאָל ניט געטאָרט זײַן אומגערעכט. דעריבער פֿלעגט ער גאַנץ אָפֿט זײַנעם אַן אומרעכט אויסקויפֿן מיט אַ צווייטן נאָך אַ גרעסערן. דאָס, דוכט מיר, פּונקט ווי די מידה צו זאָגן אַ מענטשן דעם אמת גלײַך אין די אויגן אַרײַן, האָט ער איבערגענומען בירושה פֿון דעם גוט־ייִדישן הויף, בײַ זײַן זיידן דעם סטריקעווער, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. רבײַשע קינדער און אייניקלעך געוווינען זיך צו פֿון קינדווײַז אָן אַרײַנצוזאָגן. אין רבײַשע הויפֿן, ווי אין אַלע הויפֿן ווו מען פֿירט שטאַט און ממילא אויך פּאָליטיק, איז מען אויך קיין מאָל ניט אומגערעכט. אומגערעכט איז שטענדיק דער צווייטער צד: דער הויף מיט וועלכן מען פֿירט אַן אָפֿענע צי אַ באַהאַלטענע מחלוקה. די מחלוקה מעג זיך זײַן לשם־שמים — צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדערן קנייטש אין דער עבֿודה. די מעטאָדן זײַנען אָבער ניט שטענדיק לשם־שמימדיקע. אַפֿילו אַן אינטריגעלע איז באַרעכטיקט, אויב זי איז נאָר נייטיק אָדער ווען מען מיינט, אַז זי איז נייטיק. לאַנדויס מחלוקתן זײַנען שטענדיק געווען לשם־שמימדיקע. אין תּוך זײַנען אַפֿילו „אומרעכטן" אָדער „רשעותן", ווי די געטראָפֿענע האָבן זיי אָנגערופֿן, ניט געקומען פֿון שלעכטס, פֿון סתּם וועלן ווי טאָן, נאָר דערפֿון, וואָס ווי יעדער דיכטער האָט ער ניט שטענדיק געקאָנט זײַן דער אָביעקטיווער קריטיקער. איפּאָליט טען האָט שוין אויפֿמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז יעדער אמתער דיכטער מיט אַן אייגענעם וועג מוז בטבֿע זײַן איינזײַטיק און אַפֿילו פֿאַנאַטיש אײַנגעגלייבט, אַז נאָר זײַן וועג איז דער ריכטיקער. ממילא קאָן ער שוין ניט אָפּשאַצן ווי געהעריק דעם ווערט פֿון אַן אַנדערן דיכטער, באַזונדערס ווען דער אַנדערער איז פֿון אַן אַנדערער ריכטונג.

## פֿאַרברידערונג

אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפֿט צווישן מיר און זישע לאַנדוי האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרקניפּן בײַ די מיטינגען פֿון פֿאַראיין „ליטעראַטור", וואָס האָט אַרויסגעגעבן די צוויי זאַמלביכער ל י ט ע ר אַ ט ו ר. גאָר נאָענט האָבן מיר אָבער אָנגעהויבן ווערן ערשט אין זומער 1910, ווען מען האָט צוגעגרייט דאָס צווייטע זאַמלבוך ל י ט ע ר אַ ט ו ר. [...]

צו די מיטינגען פֿון פֿאַראיין „ליטעראַטור" פֿלעגן קומען צווישן זעכציק און זיבעציק יונגע־לײַט, וואָס האָבן פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעדרוקט אַ ליד צי אַ סקיצע אין איינער פֿון די טעגלעכע אָדער וועכנטלעכע צײַטונגען פֿון יענער צײַט. די מערסטע פֿון זיי זײַנען קיין שרײַבער ניט פֿאַרבליבן. אַ טייל איז מיט דער צײַט אַרײַן אין די צײַטונגען. אַנדערע זײַנען געוואָרן יוניאָן־פֿירער, דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפּטייקער צי גאָר דערפֿאָלגרײַכע געשעפֿטלײַט. בײַ די מיטינגען האָט זיך פֿון אָנהייב אָן גענומען אויסשיילן די גרופּע, וואָס האָט שפּעטער געמאַכט געשיכטע מיט די זאַמלביכער ש ר י פֿ ט ן. די גרופּע איז אויך צעפֿאַלן אין קלענערע גרופּן, און צו דער קלענסטער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון מאַני לייבן, לאַנדוין און מיר, איז מיט דער צײַט איבערגעגאַנגען בירושה דער נאָמען „יונגע". צונויפֿגעוואָקסן מיט אונדז און געוואָרן איינער פֿון אונדז איז שפּעטער אויך דוד קאַזאַנסקי. לויט זייער צוגאַנג צו ליטעראַטור און לויט זייער דיכטערישן מהות האָבן צו דער גרופּע אויך אייגנטלעך געדאַרפֿט צוגערעכנט ווערן ראָלניק און ראַבאָי. אָבער זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט אין גאַנצן אידענטיפֿיצירט מיט אונדז.

דער נאָמען „יונגע" איז אורשפּרינגלעך געווען אַ שפּאָטנאָמען פֿאַר אַ גרופּע יונגע שרײַבער, וואָס האָט נאָך אין 1907 געהאַט די „חוצפּה" צו דערקלערן, אַז מען דאַרף דאָס ביסל ייִדישע ליטעראַרישע כּוחות אין אַמעריקע באַפֿרײַען פֿון דעם אַפּוטרופּסות פֿון די צײַטונגען, און זיי האָבן געזוכט צו שאַפֿן אַן אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל אין די דינע העפֿטלעך פֿון דעם חודש־זשורנאַל ד י י ו ג ע נ ד. שפּעטער האָט מען מיט דעם נאָמען באַצייכנט אַלע אויף אַנדערשקייט פּרעטענדירנדיקע יונגע שרײַבער, כאָטש קינסטלעריש האָבן זיי צווישן זיך גאָר קיין שײַכות ניט געהאַט. ערשט מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פֿון אונדזער גרופּע האָט דער נאָמען געקראָגן אַ באַשטימטן באַטײַט. איצט

We began to be even closer in the summer of 1910, when we were preparing the second *Literatur* anthology.

[...]

The meetings of "*Literatur*" were attended by 60 or 70 young people who from time to time published a poem or a sketch in one of the daily or weekly newspapers. Most of them did not remain writers. Some of them went to work for newspapers after a while. Others became union leaders, doctors, dentists, pharmacists, or even successful businessmen. At the meetings, from the start, the group began to emerge that would later make history with the *Shriftn* anthologies. The group also split into smaller groups, and the smallest, which consisted of Mani Leyb, Landau, and me, over time inherited the name *Yunge*. Later, David Kazansky grew closer to us and became one of us. Because of its approach to literature and because of its poetic nature, the group also had to include Rolnik and Raboy. But they never completely identified themselves with us.

The name *Yunge* began as a way to deride a group of young writers who in 1907 had the chutzpa to declare that the little bit of Yiddish literary strength that existed in America must be freed from the influence of the newspapers and who tried to create their own literary corner in the slim numbers of the monthly journal *Di yugend*. Later, the name came to signify all young writers who had pretensions to being different, though artistically they really had no relation to us. Only with the crystallization of our group did the name take on a definite meaning. Now it became the name of a unified school – the first literary school among Jews. A school that never came out with a written program and yet had a recognizable countenance that distinguished it from all of its surroundings and put such a stamp on Yiddish poetry that it was no longer possible to keep writing as one had written before it appeared.

Three people, fundamentally different in temperament and character – in those first childish impressions, so important for a poet, of home, landscape, and environment, and early snatches of melody, song, and story; fundamentally different in education, encounters, dreams, aspirations, and the influences (ethical, aesthetic, and literary) of their formative years; fundamentally different in their way of writing – became nonetheless the creators of a unified school with a definite method, a definite viewpoint, and a definite standard. How this happened is a mystery to me, to this very day. In part, I explain it by the fact that, for all our differences, we had one trait in common: acuteness of the senses.

This, incidentally, is a trait that all artists have, and we were, if not the first artists, the first conscious artist-group in Yiddish verse. Our outlook, our worldview, and our approach to man and world were artistic. Our demands on all Jewish poets, and principally on ourselves, were purely artistic. One of our cardinal requirements was not to rely on what one knows just because it's accepted, because one heard it, or because one "read it in books," but to approach every phenomenon with open eyes and an open mind and try to know it anew, to know it in one's own way. Not so much with the intelligence as through the senses. Not logic, but intuition: psychologically.

This requirement was itself the result of a discovery. A discovery to which we came gradually, after much searching, reading, and comparing; after long days and nights that we spent in deep conversations about only one thing – poetry, which was dearer than everything

We maintained that poetry should not exist by reason of whatever ideas it promotes, but because it lives for its own sake.

and for which we could sacrifice everything, even the self-love and vanity that is for the poet exactly as sharp, if not sharper, than it is in women. We never spared each other. All the defects that we saw in one another, we pointed out. And not just tapped with velvet gloves, God forbid, but in the sharpest and most biting way. Flogged so as to hurt, and it did hurt. Hurt until blood flowed. But it had the necessary effect.

When we arrived, Yiddish poetry was in the service of ideas and movements, social and national. The poets stood tall, took an honored place. But the poetry was, as always in such circumstances, dead and buried. We proclaimed its freedom and its right to an independent life. We maintained that poetry should not exist by reason of whatever ideas it promotes, but because it lives for its own sake. It has its own place and its own function in life. Therefore, poetry is not obliged, indeed, it must not

איז ער געווען דער נאָמען פֿון אַן איינהייטלעכער שולע — די ערשטע ליטעראַרישע שולע בײַ ייִדן. אַ שולע, וואָס איז קיין מאָל ניט אַרויסגעקומען מיט קיין געשריבענע פּראָגראַמען און דאָך האָט זי געהאַט אַ קענטיקע פֿיזיאָנאָמיע, וואָס האָט זי אויסגעטיילט פֿון גאַנצן אַרום, און אַרויפֿגעלייגט אַזאַ שטעמפּל אויף דער ייִדישער דיכטונג, אַז ווײַטער שרײַבן אַזוי ווי מען האָט געשריבן איידער זי איז געקומען האָט מען מער ניט געקאָנט.

דרײַ מענטשן, גרונט פֿאַרשיידן אין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער; אין די, פֿאַר דיכטער אַזוי וויכטיקע, ערשטע קינדערשע אײַנדרוקן פֿון היים, לאַנדשאַפֿט און סבֿיבֿה און ערשטע אויפֿגעכאַפּטע קלאַנגען פֿון ניגון, ליד און מעשׂה; גרונט פֿאַרשיידן אין דערציִונג, באַגעגענישן, חלומות, שטרעבונגען און אײַנפֿלוסן (עטישע, עסטעטישע און ליטעראַרישע) פֿון די פֿאָרמאַטיווע יאָרן; גרונט פֿאַרשיידן אין אופֿן פֿון שרײַבן און דאָך געוואָרן די שאַפֿער פֿון אַן איינהייטלעכער שולע מיט אַ באַשטימטן גאַנג, באַשטימטן קוק און באַשטימטער קריטעריע. ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן איז פֿאַר מיר נאָך ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג אַ רעטעניש. טיילווײַז דערקלער איך דאָס דערמיט, וואָס בײַ אונדזער גאַנצער פֿאַרשיידנקייט האָבן מיר דאָך געהאַט איין אייגנשאַפֿט אַ בשותּפֿותדיקע: וואַכקייט פֿון די חושים.

אַגבֿ, אַ שטריך, וואָס איז אייגן אַלע קינסטלער, און מיר זײַנען געווען אויב ניט די ערשטע קינסטלער איז די ערשטע באַוווסטזיניקע קינסטלער־גרופּע אין דער ייִדישער דיכטונג. אונדזער קוק, אונדזער וועלטבאַנעם און אונדזער צוגאַנג צו מענטש און וועלט איז געווען אַ קינסטלערישער. אונדזערע פֿאָדערונגען צו אַלע ייִדישע דיכטער און קודם־כּל צו זיך אַליין זײַנען געווען ריין קינסטלערישע. איינע פֿון די קאַרדינאַלע פֿאָדערונגען אונדזערע איז געווען ניט צופֿרידן צו שטעלן זיך מיט דעם, וואָס מען ווייס, ווײַל אַזוי איז אָנגענומען, ווײַל אַזוי האָט מען געהערט אָדער ווײַל אַזוי האָט מען „געלייענט אין די ביכלעך", נאָר צו יעדער דערשײַנונג צוגיין מיט אָפֿענע אויגן און אַן אָפֿענעם מוח און פּרווון זי אויף ס'נײַ דערקענען, אויף אַן אייגענעם אופֿן דערקענען. ניט אַזוי פֿיל מיטן שׂכל ווי דורך די חושים. ניט לאָגיש, נאָר אינטויִטיוו, פּסיכאָלאָגיש.

די פֿאָדערונג איז אַליין געווען דער רעזולטאַט פֿון אַ דערקענטעניש. אַ דערקענטעניש, צו וועלכער מיר זײַנען געקומען בהדרגה נאָך אַ לאַנגן פֿאָרשן, זוכן, לייענען און פֿאַרגלײַכן; נאָך לאַנגע טעג און נעכט, וואָס מען האָט פֿאַרבראַכט אין פֿאַרטיפֿטע שמועסן וועגן אַן איינציקן ענין — די דיכטונג, וואָס איז געווען טײַערער פֿון אַלץ און פֿאַר וועלכער מיר האָבן געקאָנט מקריבֿ זײַן אַלץ, אַפֿילו די אייגן־ליבע און אייטלקייט, וואָס איז בײַ דיכטער פּונקט אַזוי שאַרף אויב ניט נאָך שאַרפֿער ווי בײַ פֿרויען. מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט געשאַנעוועט. אַלע חסרונות, וואָס מיר האָבן געזען איינער




This image is taken from a collection of Zishe Landau's translations of world poetry, published posthumously in 1947. While the poems in the collection span several continents, the illustration by Yehude Topel specifically evokes the classical tradition which captivated many Yiddish modernists.

בײַם אַנדערן, האָבן מיר אָנגעוויזן. און ניט בלויז באַרירט מיט זײַדענע הענטשקעס, חלילה, נאָר אויפֿן שאַרפֿסטן און בײַסיקסטן אופֿן. געקאַטעוועט, אַז עס זאָל ווײ טאָן, און עס האָט ווײ געטאָן. ביזן בלוט ווײ געטאָן. אָבער געהאַט די נייטיקע ווירקונג.

ווען מיר זײַנען געקומען איז די ייִדישע דיכטונג געווען אין דינסט בײַ אידייען און באַוועגונגען, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. די דיכטער זײַנען געשטאַנען הויך, האָבן פֿאַרנומען זייער אַ חשובֿן אָרט. אָבער די דיכטונג איז, ווי יעדע דינסט, געלעגן טיף אין דער אַדמה. מיר האָבן פּראָקלאַמירט איר פֿרײַהייט און איר רעכט אויף אַן אייגן זעלבשטענדיק לעבן. מיר האָבן פֿאַרקינדיקט, אַז די דיכטונג דאַרף ניט לעבן אין זכות פֿון וועלכער עס איז אידעע, ווײַל זי לעבט אין איר אייגענעם זכות. זי האָט איר אייגן אָרט און אירע אייגענע פֿונקציעס אין לעבן. דעריבער איז זי ניט מחויבֿ, ניין, טאָר ניט נעמען אויף זיך קיין אַנדערע פֿונקציעס, ווײַל דערמיט פֿעלשט זי קעגן זיך אַליין. אין אונדזער ליטעראַטור האָט דאָס געקלונגען

take upon itself other functions, because then it would betray itself. And our literature sounded foreign then and sounds even more foreign today, when parties and movements rule life more than ever and put their dictatorial paws on everything and everything must serve them.

When we arrived, our poetry, especially here in America, was grating-shouting-bombastic and melodeclamatory when it dealt with social themes; soaked in Jewishness with an aroma of *tsholnt* and *mikva* when it involved itself with national themes; and scattered with spangles of poetic Germanisms when it wanted to express individual, lyric experiences. Only in their satirical poems did the poets of the past write in a good, intimate, authentic Yiddish, when they wanted to laugh at something. Because nothing, in their eyes, was as ridiculous as

> The artistic instinct told us that our language did not lack words for the deepest experiences and finest moods. One must but go and look for them in the right places.

authentic Yiddish. In retrospect, they were blood brothers of the authors of our old *shund* novels. In those novels too, only the moldy, spent, "funny" characters spoke good Yiddish. The heroes and heroines, though, who had the authors' fullest sympathies because they were modern, up-to-date people and knew such modern things as love, spoke with a "poetic" Germanized Yiddish.

As a reaction to all this, and to all the clichés that our poetry was then full of, we *Yunge* impoverished it both in themes and in language. So that we ourselves would not become tempted and fall into bombast, we threw out social themes; to protect ourselves from all cloying, flowery language, we avoided national motifs. In order to properly express intimate, lyrical feelings, we realized we must do two things: on the one hand search within ourselves for understanding so that we could better comprehend the world, and on the other hand clean out all the garbage, all the absurd words that immature little poets and half-baked newspaper writers had gathered in various alien places, and from which had spread that florid gushing that passed for poetry.

Reduced to ordinary, common themes, our poetry became richer, because in striving to know ourselves we opened so many gates and doors to the inner, individual life.

In impoverishing the language, we made it richer. For now, without the foreign, absurd overgrowth, Yiddish began to sound different: more natural and inherently more beautiful. This alone was a great achievement. But we did not stop there. The artistic instinct told us that our language did not lack words for the deepest experiences and finest moods. One must but go and look for them in the right places. If we don't find available words for everything that we need, we will surely find words that can evolve, bend, be rebuilt and re-created, so that they will serve our purposes and will be in the spirit and sound of our language. Mani Leyb went out and found what he sought in the mouths of the folk; Landau and I, in the accumulated folk treasury: in the *Tsenarena*, the *Tkhine*, the folksong, the storybook, and the Chasidic story.

[...]

I don't mean to write here the history of the *Yunge*. Still less to do what we have never done – set forth the program of the *Yunge*.

An artistic school is in general no more than an exit, from which the artists that belong to it separate, each going his own way, searching for his own multifaceted education and perfection. Only the followers and imitators remain stuck in the doorway. On the way, every artist arrives, through experience and maturity, at new realizations, in the light of which the school and most of what it stands for become insignificant, often even comical or completely false. Through the years, everyone from the *Yunge* went through a whole series of transformations, each in his own way, according to his character and to his new experiences in life and art. [...] But however much we diverged in later years, in essence we remained the same. Only the branches grew apart in different directions. The trunk remained rooted in the same artistic convictions. ♦

*Gerald Marcus is a painter and printmaker. He lives in New York City.*

פֿרעמד דעמאָלט און קלינגט נאָך פֿרעמדער הײַנט, ווען פֿאַרטייען און באַוועגונגען באַהערשן ווידער דאָס לעבן, און דאָס ווי קיין מאָל ניט פֿריִער, און ווען זיי לייגן אַרויף זייערע דיקטאַטאָרישע לאַפּעס אויף אַלץ, און אַלץ מוז זיי דינען.

ווען מיר זײַנען געקומען אין אונדזער דיכטונג, באַזונדערס דאָ אין אַמעריקע, געווען גרילצנדיק־שרײַעריש־באָמבאַסטיש און מעלאָ־דעקלאַמאַטאָריש, ווען זי האָט זיך צוגערירט צו סאָציאַלע טעמעס; אויסגעווייקט ייִדישלעך, מיט אַ ריח פֿון טשאָלנט און מיקווה, ווען זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און אויסגעסטרויעט מיט דײַטשמעריש־פּאָעטישע פֿליטערלעך, ווען זי האָט געוואָלט אויסדריקן יחידישע, לירישע איבערלעבונגען. אויף אַ היימישן, עכטן גוטן ייִדיש האָבן די אַמאָליקע פּאָעטן געשריבן בלויז זייערע סאַטירישע לידער, ווען זיי האָבן געוואָלט אָפּלאַכן פֿון עפּעס. ווײַל קיין זאַך איז אין זייערע אויגן ניט געווען אַזוי לעכערלעך ווי דאָס, וואָס איז געווען עכט ייִדיש. אין דער הינזיכט זײַנען זיי געווען לײַבלעכע ברידער פֿון אונדזערע אַמאָליקע שונדראָמאַנען־פֿאַרפֿאַסער. אויך בײַ אונדזערע אַמאָליקע שונדראָמאַן־מחברים האָבן גערעדט אַ גוטן ייִדיש נאָר די פֿאַרשימלטע, אָפּגעלעבטע „סמישנע" פֿאַרשוינען. די העלדן און העלדיכעס אָבער, וואָס האָבן געהאַט די מחברימס פֿולסטע סימפּאַטיעס, ווײַל זיי זײַנען דאָך שוין געווען „מאָדערנע, הײַנטוועלטיקע" מענטשן און האָבן שוין געוווּסט וועגן אַזעלכע „מאָדערנע" זאַכן ווי „ליבע", זיי האָבן שוין גערעדט אויף אַ „פּאָעטיש" דײַטשמעריש לשון.

אַלס רעאַקציע קעגן דעם אַלעמען און קעגן אַלע שאַבלאָנען מיט וועלכע אונדזער פּאָעזיע איז דעמאָלט פֿול געווען, האָבן מיר „יונגע" זי גענומען פֿאַראָרעמען סײַ אין טעמעס און סײַ אין שפּראַך. כּדי אַליין ניט געשטרויכלט צו ווערן און אַליין ניט אַרײַנצופֿאַלן אין באָמבאַסטיק, האָבן מיר פֿאַרוואָרפֿן סאָציאַלע טעמעס; כּדי זיך צו פֿאַרהיטן פֿון אַלע קוגל־מליצות, האָבן מיר אויסגעמיטן נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און כּדי צו קענען לײַטיש אויסדריקן אַן אינטים ליריש געפֿיל, האָבן מיר אײַנגעזען, אַז מיר מוזן טאָן צוויי זאַכן: פֿון איין זײַט זוכן זיך אַליין צו דערקענען און דערגרונטעווען, כּדי מיר זאָלן זײַן ביכולת צו דערקענען די וועלט, און פֿון דער אַנדערער זײַט מוזן מיר אָפּרוימען דאָס גאַנצע מיסט, די אַלע ווילדע ווערטער, וואָס ניט־דערוואַקסענע דיכטערלינגען און ניט־דערבאַקענע צײַטונג־שרײַבער האָבן צונויפֿגעקליבן אין פֿאַרשיידענע פֿרעמדע הויפֿן, און וואָס פֿון זיי זײַנען דאָס אויסגעבריײַט געוואָרן יענע מליצהדיקע אויסגוסן, וואָס האָבן בײַ אונדז דעמאָלט געגאָלטן פֿאַר דיכטונג.

פֿאַראָרעמט אין אַלגעמיינע סקאַרבאָווע טעמעס, האָבן מיר אונדזער דיכטונג רײַכער געמאַכט, ווײַל מיר האָבן מיט אונדזער דראַנג צו אייגענער דערקענונג פֿאַר איר געעפֿנט אַזוי פֿיל טויערן און טירלעך פֿון דעם אינערלעכן יחידישן לעבן.

פֿאַראָרעמט די שפּראַך, האָבן מיר זי דערמיט אַליין שוין רײַכער געמאַכט. ווײַל איצט אָן דעם פֿרעמדן ווילדן אָנוווּקס האָט ייִדיש אָנגעהויבן קלינגען אַנדערש: נאַטירלעכער און ממילא שוין שענער. דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסער אויפֿטו. אָבער דערבײַ זײַנען מיר ניט געבליבן שטיין. דער קינסטלערישער אינסטינקט האָט אונדז אונטערגעזאָגט, אַז עס פֿעלן ניט קיין ווערטער אין אונדזער שפּראַך פֿאַר די טיפֿסטע און דינסטע איבערלעבונגען און פֿײַנסטע שטימונגען. מען דאַרף זיי נאָר גיין זוכן אויפֿן ריכטיקן אָרט. אויב מיר וועלן ניט געפֿינען קיין פֿאַרטיקע ווערטער פֿאַר אַלץ, וואָס מיר דאַרפֿן, וועלן מיר אָבער זיכער געפֿינען ווערטער וואָס לאָזן זיך אויסשיילן, בייגן, איבערבויען און איבערשאַפֿן אַזוי, אַז אי זיי זאָלן דינען אונדזערע צילן און אי זיי זאָלן זײַן אין גײַסט און קלאַנג פֿון אונדזער שפּראַך. מאַני לייב איז אַוועק און האָט געפֿונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט אין פֿאָלקס מויל. לאַנדוי און איך: אין דעם אָנגעזאַמלטן פֿאָלקס אוצר: אין דער צאינה־וראינה, דער תּחינה, פֿאָלקסליד, מעשׂה־ביכל און חסידישע[ר] מעשׂה.

[...]

איך בין דאָ ניט אויסן צו שרײַבן די געשיכטע פֿון די „יונגע". נאָך ווינציקער צו טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט געטאָן — אויפֿצושטעלן דאָס פּראָגראַם פֿון די „יונגע".

אַ קינסטלערישע שולע איז בכלל ניט מער ווי אַן אויסגאַנגפּונקט, פֿון וואַנען די קינסטלער וואָס געהערן צו איר גייען זיך פֿונאַנדער יעדער מיט זײַן אייגענעם וועג, אויף וועלכן ער זוכט זײַן אייגענע פֿילזײַטיקע אויסבילדונג און פֿאַרפֿולקומונג. בלויז די נאָכלויפֿער און נאָכמאַכער בלײַבן שטעקן בײַם אויסגאַנגפּונקט. אין מיטן וועג דערגייט יעדער קינסטלער דורך דערפֿאַרונג און רײַפֿקייט צו נײַע דערקענטעניש, וואָס אין זייער ליכט ווערט די שולע און דאָס מערסטע פֿאַר וואָס זי איז געשטאַנען, אומבאַדײַטנדיק, אָפֿט אַפֿילו קאָמיש אָדער גאָר אין גאַנצן פֿאַלש. אין לויף פֿון די יאָרן איז יעדער איינער פֿון די „יונגע" דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי פֿאַרוואַנדלונגען, איטלעכער אויף זײַן שטייגער, לויט זײַן כאַראַקטער און לויט זײַנע נײַע לעבנס־ און קונסט־דערפֿאַרונגען.

[...]

אויף וויפֿל מיר זײַנען אין די לעצטע יאָרן זיך ניט פֿונאַנדערגעגאַנגען זײַנען מיר אין תּוך געבליבן די זעלביקע. בלויז צווײַגן זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. דער שטאַם איז געבליבן וואָרצלען אין די זעלביקע קינסטלערישע איבערצײַגונגען. ♦



# Moyshe-Layb Halpern

(1886–1932)

HALPERN'S FIRST BOOK, *IN NEW YORK* (1919), established him as a major Yiddish American poet. The poet's persona, "Moyshe-Layb," beloved among Yiddish readers around the world, embodied the alienation of the new immigrant in "the Golden Land." His was a pessimistic worldview, transforming traces of a European fin-de-siècle decadence into Moyshe-Layb's whimsical, bitter, or cynical existentialism. The book was reprinted in 1927 in Warsaw, then the world center of Yiddish literature, and in New York in 1954.

Halpern was born in (or near) Zlochov in eastern Galicia, then in the Austro-Hungarian Empire. He attended only heder. At twelve, his father sent him to Vienna, where he spent ten years, lived among non-Jews, devoted himself to sport, and became interested in German literature, Nietzsche, and Socialism. His first poems were written and published in German. In 1908 Halpern attended the first international Yiddish Language Conference in Czernowitz and, in the same year, arrived in New York.

He wrote profusely for several humoristic-satirical Yiddish weeklies: *The Kibbitzer, The Jewish Bandit, The Clown*; published poetry in the journals of the Young Generation; and co-edited a number of them (*From Man to Man*, 1915; *East Broadway*, 1916). In 1919, after a courtship of ten years, Halpern married Royzele Baron, who became a frequent addressee of his poems.

In 1921, the Yiddish Communist newspaper *Frayhayt* was founded in New York. Halpern was a permanent contributor, writing and traveling on lecture and reading tours all over the United States. He reached a wide audience and was hailed as "the great proletarian poet." Halpern shared the Communists' criticism of the injustices of capitalist America. The Decadent introvert became a poet of social protest, taking up such causes as poverty, exploitation of the masses, and racial discrimination. He was, however, never carried away by the Communists' utopian idealism or party discipline. He felt more sympathy for the real people of New York's underworld than for the labor "leaders." A pacifist, he mocked both the symbol of power (the president) as well as those who justified "a just murder" (that is, the Communists), grotesquely deriding their hero worship. His vision was one of an anarchist existentialist, bitter about the human condition and sarcastic about the world's rulers. While on a lecture tour in Chicago in 1924, he quarreled with his editors and left *Frayhayt*. He lived for a time in Detroit, Cleveland, and Los Angeles. He was poor, depressed, and often ill.

In 1929, Halpern returned to New York, living with his wife and son in a tiny apartment in the Bronx. When a group of Yiddish writers left *Frayhayt* in the same year in protest over Communist support for the Arab pogroms in Palestine, Halpern joined them in forming a new weekly, *Di Vokh* (*The Week*). Once again he took an active role in literature, until his sudden death of a heart attack at the age of forty-six. Two posthumous volumes included some of his best poetry.

This volume contains an expanded and corrected selection of Halpern's work as published in *American Yiddish Poetry*. We restored his first name, as in Halpern's native Galician Yiddish: "Layb" (rhymes with "describe").